# פון דער ביכער־וועלט

## י. באשעווים

### אויפ'ן שיידוועג

אונטער דער רעדאקציע פון א. טשעריקאווער און י. עפרויקין

פאריז. ערשטער זאמעלבוך אפריל, 1939.
צווייטער זאמעלבוך — אויגוסט, 1939.

דער ערשטער זאמעלבוך הויבט זיך אן מיט אן ארטיקעל פון א. טשעריקאווער „די טראגעדיע פון א שוואכען דור". א. טשעריקאווער באמיהט זיך צו באווייזען, אז דאס אידישע אומגליק ליגט נישט אזוי ווייט אין די אויסערליכע געשעהענישען, ווי אין דער גייסטיגער אינהאלטסלאזיגקייט פון אונזער דור. „אונזער דור איז צעפרעסען געווארען פון אסימילאציע, רעכטע אדער לינקע". דערויף, אז אידען זיינען נידעריג געפאלען, האט א. טשעריקאווער פיל באווייזען. ערשטענס, האבען „די לעצטע זעקס יאהר פון האקענקרייץ־צוג נישט געפיהרט ביי אונז צו קיין גייסטיגען איבערברוך". צווייטענס, זיינען „די נירענבערגער געזעצען און דער אריער פאראגראף בפרט אויפגענומען געווארען פון דעם דורכשניטליכען דייטשען איד נישט נאר ווי א שווערע גזירה — דאס וואלט קיין חידוש ניט געווען — נייערט אויך ווי א גרויסע חרפה". „נישט מיט א געפיהל פון מוקצה מחמת מיאוס, נאר מיט א געפיהל פון בענקשאפט און קנאה האט דער דייטשער איד געקוקט אויף די קאפעס, פליאזשען און ספארט־פלעצער נאר פאר אריער". „דער מוטיגער רוף פון דער יודישער רונדשוי אין יענעם פינסטערען טאג: „טראגט מיט שטאלץ דעם געלען פלעק!" איז געבליבען הענגען אין דער לופטען. קיינער האט דעם רוף נישט פארשטאנען".

ווייזט אויס, אז א. טשעריקאווער האט דעם רוף יא פארשטאנען, ווייל ער האט באשלאסען, אז אונזער איינציגע רעטונג איז זיך אומצוקערען אין געטא. עס איז נישט אמת, זאגט א. טשעריקאווער, אז מען האט אונז מיט גוואלד אריינגעשפארט אין געטא. אידען האבען געהאט זייערע פריווילעגיע געטאס. „וואס איז דען אונזער ליטעראטור, אונזער טעאטער, די שפראך גופא און די גאנצע קולטור־באלעבאטישקייט, אויב נישט א שטיק געטא?... מיט געטא איז פארבונדען אונזער היסטאריזם און פון איהם ציהען מיר די פאלקס־יניקה..."

דאס פראבלעם זעהט אויס פאר א ווייל צו זיין געלעזט. מיר וועלען זיך אומקערען אין געטא, איינארדענען א „קולטור־באלעבאטישקייט" און ציהען די „פאלקס־יניקה". דעם יצר־הרע צו קאפעס, פליאזשען און ספארט־פלעצער וועלען מיר איין מאל פאר אלע מאל אפטויטען; דעם געלען פלעק וועלען מיר טראגען מיט ש ט א ל ץ, גענוי ווי די „יודישע רונדשוי" פארלאנגט. אבער וואס הערט זיך מיט פרנסה? וועלען מיר זאט ווערען פון דער פאלקס־יניקה?... א. טשעריקאווער האט, אפנים, אין אט דער פראזאאישער פראגע אינגאנצען פארגעסען.

א. טשעריקאווער פארשרייבט אונז רעצעפטען. ער פארלאנגט, אז דאס אידישע פאלק זאל מאכען מיט זיך א חשבון; ער זאגט, אז מיר דארפען אויסשמידען א „נייעם נאציאנאלען ווילען פון א נייעם מעטאל"; ער לעגט פאר, אז מיר זאלען שאפען א נאציאנאלע רעוואלוציאנערע באוועגונג. אבער נישט מיר ווייסען, ווי אזוי א פאלק קען זיך פלוצלינג אוועקזעצען מאכען א חשבון; נישט ווי אזוי מען שמידט־אויס א „נייעם נאציאנאלען ווילען פון א נייעם מעטאל" און נישט מיר באקומען אן אהנונג ווי אזוי עס זאל אויסזעהן די „נאציאנאלע רעוואלוציאנערע באוועגונג". אין וואס זאל באשטעהן איהו נאציאנאליזם און אין וואס — איהר רעוואלוציאנערישקייט? זאל זי קעמפען פאר די „רעכט" זיך אומצוקערען אין געטא? אדער פאר נאך אנדערע אידעאלען?... א. טשעריקאווער'ס פרעטענזיעז ארטיקעל איז א מוסטער פון זאגען פיל און גארנישט מיינען; פון אפ'פטר'ען א שווער און קאנקרעט פראבלעם מיט באמבאסטישע מליצות, וואס פארפליכטען צו גארנישט און האבען נישט הינטער זיך קיין דעקונג אין דער ט א ט.

אין דעם ארטיקעל „אונטער'ן האמער פון דער געשיכטע" פרואווט ז. קלמנ'אוויטש באווייזען, אז וואס עס איז גוט פאר אידען אלס איינצעלנע, איז אפט שלעכט פאר'ן קיום פון אידישען פאלק. פארקערט, דער אנטיסעמיטיזם, וואס איז שלעכט פאר יעדען איד באזונדער, האלט־אויף ווי־עס־איז דאס אידישקייט. פון וואנען נעהמט זיך אזא טראגישע דיווערגענץ צווישען אידען און אידיש פאלק? — פרעגט ז. קלמנ'אוויטש. און ער ענטפערט נישט מעהר און נישט ווייניגער: „אין צייטען, ווען דעמאקראטיע און ליבעראליזם הערשען אויף דער וועלט, האבען אידען נישט קיין בשותפות'דיגע אינטערעסען". „עס איז נישטא קיין שום גאראנטיע דערפאר (גיכער זיינען פארא ראיות געגען), אז דאס אידישע פאלק וועט בלייבען לעבען אונטער א דעמאקראטישען רעזשים". „אין ערגעץ זיינען אידען נישט געבונדען מיט זייערע עקאנאמישע פונקציעס, אין זייער גייסטיגער בילדונג, אין זייער מאראל — שוין אפגערעדט פון א אידישען כלל, וואס זאל שטעהן איבער אלע אידען". „קיין אידישע נאציאנאלע אויטאנאמיע קאן נישט פארווירקליכט ווערען אין א נישט־דעמאקראטישען רעזשים, אבער אויך נישט אין קיין דעמאקראטישען רעזשים, ווייל אידען קאנען זיך נישט צונויפרעדען; ווייל זייערע וועגען אין לעבען זיינען זיך אזוי פאנאנדערגעגאנגען, אז זיי האבען נישט קיין שותפ'ישע אידישע קולטור".

אזא באהויפטונג פיהרט דירעקט צום אויספיהר, אז אדער אידען וועלען זיך צונויפמישען מיט די גויים, אדער זיי וועלען פריהער אדער שפעטער באקומען אן אייגען לאנד און אנהויבען פיהרען א נארמאל לעבען. ז. קלמנ'אוויטש זאגט נישט קיין נביאות וואס די צוקונפט וועט ברענגען, פולשטענדיגע אסימילאציע אדער נאציאנאלען ווידערגעבורט. אבער עס איז קלאר, אז זיינע סימפאטיעס זיינען אויף דער זייט פון ציוניזם. „נאר פאר ציוניסטען איז די אידעע פון א אידיש פאלק א רעאלע זאך, און זיי האבען שוין באוויזען עפעס ממשות'דיגעס אויפצוטא; אין ארץ ישראל; פאר די איבעריגע אידען, וואס ווילען מיט די ציוניסטען זיך נישט פארבינדען, איז גאר אזא זאך ווי אידיש פאלק נישט בנמצא"... קלמנ'אוויטש שטעלט דעם דיאגנאז מוטיג און שארף, כאטש ער פארשרייבט נישט פאר דעם חולה קיין רפואות און פארזיכערט נישט, אז ער וועט אומבאדינגט געזונט ווערען. אדער ער וועט לעבען, אדער ער וועט שטארבען. עס איז אפהענגיג פון די פארבארגענע לעבענס־כחות, וואס דאס פאלק טראגט אין זיך. פאר א מאטא צו דעם מערקווירדיגען ארטיקעל האט קלמנ'אוויטש אוועקגעשטעלט פושקינ'ס א פערז: „אזוי טוט דער האמער דער שווערער, גלאז צוברעקעלט ער, שטאל שמידט ער". צי מיר זיינען שטאל, הייסט עס, אדער גלאז, דאס וועלען קלאר מאכען די קלעפ פונ'ם האמער...

צו הערען פון דעם געשוואוירענעם אידישיסט און ייוו"א־טוער, ז. קלמנ'אוויטש, אזעלכע רייד, איז ווירקליך אן איבערראשונג.

---

גאנץ אנדערש קוקט אויפ'ן אידישען פראבלעם א. מע־

